קענעדער אדלער
זונטיק, אויגוסט 21, 1966

# אידישע פּלאַטעס

(שלוס פון זייט 4)

דיסק פון געבירטיגן וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן איז אַ ווערט־פולער צוגאָב צו יעדער פּלאַטע־ביבליאָטעק.

אונדז געפעלן געוויינטלעך ניט קיין לידער־דיסקן מיט נאַראַציעס, ווייל אָפט שטערן זיי די הנאה פונם צוהערער צו צו דער מוזיק גופא. דעם אַרבעטער רינג איז דאָס אָבער יאָ געלונגען. — יוסף מלאָטעק פון א. ר. האָט שוין אַרויסגע־געבן פיר אַזעלכע פּלאַטעס און די בעסטע אין בלי ספק „דאָס גאָלדענע לאַנד — אַכציק יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע אין אידישן ליד". ס'רוב לידער וועגן אַרבעטער־באַדינגונגען און די אויסצוגן פון טעאַטער־לידער זיינען רעקאָרדירט געוואָרן פאַרן ערשטן מאָל. אינם געזאַנג באַטייליקן זיך מרים קרעסין, לואיס דאַנ־טאָ, מאָרט פרימאַן, דער קינדער־כאָר פון אַרבעטער רינג א. אַ. די מי און צוגריי־טונג וואָס אין דעם איז אַריינגעלייגט געוואָרן ווערן גוט באַלוינט — דאָס בילד פון אַמעריקאַנער אידישן לעבן איז פול מיט פאַטאָס און אַמאָל אפילו מיט שפּאַ־נונג.

אידישע לידער זיינען ספּעציעל צוגע־פּאַסט פאַר סאָפּראַנאָס. אָבער צו זיין אַ דערפאָלגרייכע אידישע פאָלקס־זינגערין פאָדערט מער ווי אַ פיינע אָפּערע־שטים. נתניה דאַוורעט, למשל, איז אַ וואונדער־לעכע זינגערין. איר רוסישע פאָלקס־ליד־פּלאַטע איז אויסגעצייכנט, אָבער אויף אידיש איז איר ניט געלונגען. אָנשטאָט דעם אידישן קנייטש איז פאַראַן ביי איר אַ פאַלש סענטימענטאַלקייט. נחמה ליפּ־שיץ האָט אַן ענלעכע שטים (אירע איז אפשר נענטער צו אַ פייגל־שטים), אָבער אירע לידער האָבן יאָ אַ אידישן טעם.

וועגן נחמה ליפּשיץ קען מען בכלל אָנ־שרייבן אַ גאַנצן אַרטיקל. זי איז די אָנ־געזעענסטע אידישע זינגערין אין סאָוועטן פאַרבאַנד. זינט 1957 פאַרנעמט זי זיך אויסשליסלעך מיט אידישע לידער. זי האָט דעבוטירט מיט „באַבי יאַר און אַנדערע לידער", וואָס פון דעם זיינען בלויז געציילטע עקזעמפּלאַרן פאַרשפּרייט געוואָרן. מיט דריי יאָר צוריק האָט אַן אַמעריקאַנער פירמע פּראָדוצירט איר ערשטע לאַנגע פּלאַטע. זי איז אַ מערק־ווירדיקע זינגערין צוליב כמה טעמים. ערשטנס איז זי פאָלקסטימלעך. איר אויפפירונג פון „קאַטערינאַ" און פון „אויפן וועג שטייט אַ בוים" איז צו באַ־וואונדערן. צווייטנס האָט זי טאַקע אַ הערלעכע שטים. דאָס וואָס זי פירט אַריין נייע סאָוועטיש־אידישע לידער איז אויך צו לויבן, כאָטש די לידער אַליין זיינען צו אוניווערסאַל און צו ווייניק אידישלעך. לאָמיר האָפן, אַז די יונגע נחמה ליפּשיץ וועט באַווייזן אַרויסצוגעבן נאָך אַ סך אַזעלכע דיסקן.

רייכער קוואַל כמעט ניט אָנגערירט גע־וואָרן. עמאַ שייווער איז געווען פון די ערשטע וואָס זאָל אַריינפירן די געטאָ־לידער אין איר רעפּערטואַר. זי האָט אויפגעפירט די סענסאַציאָנעלסטע לי־דער אויף אַ ספּעקטאַקולערן אופן — און האָט איבערגעטריבן די מאָס. דאַן איז געקומען אַן אומבאַקאַנטע זינגערין, העני דורמאַשקין, גענומען די לידער וואָס זי זי איז געווען בכוח צו זינגען, און איז טאַקע מצליח געווען.

אין דער קאַטעגאָריע פון געטאָ־לידער מוזן דערמאָנט ווערן צוויי אויסערגעוויינ־לעכע דיסקן. דער ערשטער הייסט „דער מויער", לידער פון דער בראָדוויי־פאָר־שטעלונג וועגן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די דריי וויכטיקסטע זינ־גערס זיינען נאָרבערט האָראָוויץ, זיין ווייב ריטאַ קאַרין מיט זייער טאָכטערל רחל'ע. בלויז דריי פון די 15 לידער וואָס דער אַלבאָם אַנטהאַלט זיינען געטאָ־לי־דער. די אַנדערע זיינען סתם פאָלקס־לי־דער און אויך פאַרן ערשטן מאָל — אי־דישע איבערזעצונגען פון ארץ־ישראל־דיקע לידער. די אויפפירונג איז באַשיידן אין אפשר דערפאַר נעמט זי אַזוי אויס.

די צווייטע איז לויט אונדזער מיינונג די סאַמע בעסטע איינצלנע פּלאַטע פון אידישע לידער. אַרויסגעגעבן געוואָרן איז זי אין פּוילן מיט עטלעכע יאָר צוריק. אין איר נעמען אָנטייל צוויי אידישע כאָ־לאָאיסטן (אברהם־שמואל רעטטיג און אי־נאָ טאָפּער), איין ניט־אידישע סאָלאָאיס־טין (סלאַוואַ פשיבילסקאַ) און דער אַר־טיסטישער אַנסאַמבל פון דער פּוילישער אַרמיי. דער אַרמיי־כאָר זינגט געבירטיגס „ס'ברענט" און הירש גליקס „פּאַרטי־זאַנער הימן". דער פולער רושם און גע־וואַלדיקער פּאַטאָס פון די צוויי חורבן־לידער קענען נאָר אויפגעפירט ווערן ווי געהעריק פון אַ פולן מענער־כאָר. דער אָרקעסטער אַקאָמפּאַנימענט (פונעם יע־זשי וואָזשניאַק אינסטרומענטן אַנסאַמבל) איז ניט נאָר אָריגינעל, נאָר אויך אין גאַנצן צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון יעדן ליד. ספּעציעל אָרגינעל איז די אויפ־פירונג פון „בעלז" וואָס דאָס איז גע־וויינלעך געזונגען ווי אַ סענטימענטאַל ליד. דאָ ווערט עס געשפּילט ווי אַ לעבע־דיקער מאַנגאָ אויף אַ דערפאָלגרייכן אופן. די סאַמע רירנסטע לידער אינם אַלבאָם זיינען „ביאַליסטאָק מיין היים" (רעקאָר־דירט פאַרן ערשטן מאָל), און „רבקה'לע די שבת'דיקע", אויך פון ביאַליסטאָקער געטאָ. דריי פערטל פונם אַלבאָם באַ־שטייט פון פאָלקס־לידער. אַן אָפּשאַצונג פון זיי קען מען מאַכן מיט איין באַמער־קונג. אינם שוין איצט באַרימטן פילם „געוועלבל אויף דער הויפּטגאַס", איז פאַראַן אַ סצענע וואו די אַלטע פרוי (אי־דאַ קאַמינסקאַ) שטעלט אָן אַ דיסק. דער גראַמאַפאָן הייבט אָן צו שפּילן, „אויפן אויוון זיצט אַ מיידל" — גענומען פון דער

קענעדער אדלער
זונטיק, אויגוסט 21, 1966

אַרבעטער רינג א. אַ. די מי און צוגריטונג וואָס אין דעם איז אַריינגעלייגט געוואָרן ווערן גוט באַלוינט — דאָס בילד פון אַמעריקאַנער אידישן לעבן איז פול מיט פּאַטאָס און אַמאָל אַפילו מיט שפּאַנונג.

אידישע לידער זיינען ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר סאָפּראַנאָס. אָבער צו זיין אַ דערפאָלגרייכע אידישע פאָלקס־זינגערין פאָדערט מער ווי אַ פיינע אָפּערע־שטים. נתניה דאַווראַט, למשל, איז אַ וואונדערלעכע זינגערין. איר רוסישע פאָלקס־ליד־פּלאַטע איז אויסגעצייכנט, אָבער אויף אידיש איז איר ניט געלונגען. אָנשטאָט דעם אידישן קנייטש איז פאַראַן ביי איר אַ פאַלש סענטימענטאַלקייט. נחמה ליפּשיץ האָט אַן ענלעכע שטים (אירע איז אפשר נעענטער צו אַ פייגל־שטים), אָבער אירע לידער האָבן יאָ אַ אידישן טעם.

וועגן נחמה ליפשיץ קען מען בכלל אָנשרייבן אַ גאַנצן אַרטיקל. זי איז די אָנגעזעענסטע אידישע זינגערין אין סאָוועטן פאַרבאַנד. זינט 1957 פאַרנעמט זי זיך אויסשליסלעך מיט אידישע לידער. זי האָט דעבוטירט מיט „באַבי יאַר און אַנדערע לידער‟, וואָס פון דעם זיינען בלויז געציילטע עקזעמפּלאַרן פאַרשפּריט געוואָרן. מיט דריי יאָר צוריק האָט אַן אַמעריקאַנער פירמע פּראָדוצירט איר ערשטע לאַנגע פּלאַטע. זי איז אַ מערקווירדיקע זינגערין צוליב כמה טעמים. ערשטנס איז זי פאָלקסטימלעך. איר אויפפירונג פון „קאַטערינאַ‟ און פון „אויפן וועג שטייט אַ בוים‟ איז צו באַוואונדערן. צווייטנס האָט זי טאַקע אַ הערלעכע שטים. דאָס וואָס זי פירט אַריין נייע סאָוועטיש־אידישע לידער איז אויך צו לויבן, כאָטש די לידער אַליין זיינען צו אוניווערסאַל און צו ווייניק אידישלעך. לאָמיר האָפן, אַז די יונגע נחמה ליפשיץ וועט באַווייזן אַרויסצוגעבן נאָך אַ סך אַזעלכע דיסקן.

דערווייל איז דער לעצטער עטאַפּ פונעם אידישן ליד דער היטלער־חורבן. פון אים זיינען אַרויס די סאַמע וויכטיקסטע און שענסטע לידער. גראָד איז אָט דער דער. די אַנדערע זיינען סתם פאָלקס־לידער און אויך פאַרן ערשטן מאָל — אידישע איבערזעצונגען פון ארץ־ישראלדיקע לידער. די אויפפירונג איז באַשיידן און אפשר דערפאַר נעמט זי אַזוי אויס.

די צווייטע איז לויט אונדזער מיינונג די סאַמע בעסטע איינצלנע פּלאַטע פון אידישע לידער. אַרויסגעגעבן געוואָרן איז זי אין פּוילן מיט עטלעכע יאָר צוריק. אין איר נעמען אָנטייל צוויי אידישע סאָלאָאיסטן (אברהם־שמואל רעטטיג און אינאַ טאָפּער), איין ניט־אידישע סאָלאָאיסטין (סלאַוואַ פּשיבילסקאַ) און דער אַרטיסטישער אַנסאַמבל פון דער פּוילישער אַרמיי. דער אַרמיי־כאָר זינגט געבירטיגס „ס'ברענט‟ און הירש גליקס „פּאַרטיזאַנער הימן‟. דער פולער רושם און געוואַלדיקער פּאַטאָס פון די צוויי חורבן־לידער קענען נאָר אויפגעפירט ווערן ווי געהעריק פון אַ פולן מענער־כאָר. דער אָרקעסטער אַקאָמפּאַנימענט (פונעם יעזשי וואָזשניאַק אינסטרומענטן אַנסאַמבל) איז ניט נאָר אָריגינעל, נאָר אויך אין גאַנצן צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון יעדן ליד. ספּעציעל אָרגינעל איז די אויפפירונג פון „בעלז‟ וואָס דאָס איז געוויינלעך געזונגען ווי אַ סענטימענטאַל ליד. דאָ ווערט עס געשפּילט ווי אַ לעבעדיקער מאַנגאָ אויף אַ דערפאָלגרייכן אופן. די סאַמע רירנסטע לידער אינם אַלבאָם זיינען „ביאַליסטאָק מיין היים‟ (רעקאָרדירט פאַרן ערשטן מאָל), און „רבקה'לע די שבת'דיקע‟, אויך פון ביאַליסטאָקער געטאָ. דריי פערטל פונם אַלבאָם באַשטייט פון פאָלקס־לידער. אַן אָפּשאַצונג פון זיי קען מען מאַכן מיט איין באַמערקונג. אינם שוין איצט באַרימטן פילם „געוועלבל אויף דער הויפטגאַס‟, איז פאַראַן אַ סצענע וואו די אַלטע פרוי (אידאַ קאַמינסקאַ) שטעלט אָן אַ דיסק. דער גראַמאַסאָן הייבט אָן צו שפּילן, „אויפן אויוון זיצט אַ מיידל‟ — גענומען פון דער צווייטער זייט פון אָט דער פּוילישער פּלאַטע.

פאַר די וואָס פאַראינטערעסירן זיך אין זאַמלען פּלאַטעס איז פאַראַן אַ גוטע רשימה פון 55 רעקאָמענדירטע אידישע דיסקן. די רשימה האָט דער אַרבעטער־רינג אַרויסגעגעבן אין 1964.

דאָ האָבן מיר נאָר אָנגערירט די פאָלקס געזאַנג פּלאַטעס, און ניט די חסידישע, די אידישע מוזיק־פּלאַטעס און אחרון־אהרן חביב — די פּלאַטעס פון ליטעראַרישע פאָרלעזונגען, בפרט די ווערק פונם געניאַלן קינסטלער הערץ גראָסבאַרד. וועגן זיי וועלן מיר שרייבן אַן אַנדערש מאָל.

# יוגנטרוף

דאָס יאָר האָט דער מאָנטרעאָלער יוגנטרוף-
קאָמיטעט באַנקראָטירט. ער האָט קיין אײן זאַך
ניט דורכגעפירט און ניט מער ווי פינף פאַרזאַמ-
לונגען זײַנען פאָרגעקומען. דאָס באַווײַזט צוויי
...לז 6 איז פאַראַן אַ דוחק אין
... ייִדישער קולטור-טעטיקייט אין [illegible]
...טיקע פּראָגראַם פונעם יוגנטרוף
...ערד. דערפאַר מוז מען איבערמאַכן
... קאָמיטעט אינעם ראַם פון אַ
...<u>רטער</u> גרופּע.
...ח 26סטן יוני ווערט פאָר-
...ונג. ווי אַ צוגרייטונג צו אַ
... דער פראַגע צאָלט איר
... די ערשטע 12 זײַטן פון דער
...ר. די אַלע וואָס ווילן זיך
...ם יוגנטרוף דעם קומענדיקן
...צן. די זיצונג ווערט זיך אָנהייבן